בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

שנאמרו אצל מסיבה לטובת כולל שומרי החומות

## א' תולדות תשכ"ז

• עדיין יש מקומות התורה בארץ ישראל כי בני חוץ לארץ עומדים על המשמר •
• אֶחָד הַנּוֹלָד בָּהּ, וְאֶחָד הַמְצַפֶּה לראות קדושתה, נקרא "בן ארץ ישראל" •
• וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם • התפלה במקום קָרְבָּנוֹת במקום בִּכּוּרִים במקום נְסָכִים •
• סברא דאורייתא • צמח ה' לצבי: אם חוטאים באר"י, נתחלף כארץ העמים •
• בָּרוּךְ הַמְדַבֵּק בְּאָרוּר נעשה כמותו • רמב"ן: מקום מחשבת האדם שָׁם מקומו •
• רוכב על החמור איך יתפלל • וְיִתֵּן וְיַחְזוֹר וְיִתֵּן • תחומין דרבנן או דאורייתא •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת ״לשון קדשו״**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040


**קונטרס 41**

211

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** **072-3333419** (בארץ ישראל)

(פון אייראפע **+972-72-3333419**)

צו הערן די תורה **מסיבה א׳ תולדות תשכ״ז**

דרוקט: **#→27→6→1→6→1** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(22 מינוט) **זייער קלאָר**

לעילו נשמות

הר״ר **שלמה זאב** ע״ה ב״ר **דוד הכהן** נ״י (לאנדא)

הר״ר **ישראל יחזקאל שרגא** ע״ה ב״ר **יקותיאל יהודה הלוי** נ״י (לעווי)

הר״ר **דוד צבי** ע״ה ב״ר **אריה יהודה** נ״י (מאיער)

**תנצב״ה**

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים

## א
## בפסוק וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם

קושיא א: צ״ב כוונת רש״י יתן ויחזור ויתן.

**שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה: וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ. זאָגט רש״י וְיִתֶּן וְיַחְזֹר וְיִתֶּן.**

**ווייל ס׳איז אַן איבריגע וא״ו, גייט** [עס געוועינטליך] **אַרויף מוסיף על ענין ראשון, אַז כ׳האָב עס נישט וואָס מְחַבֵּר צו זיין פון ׳פריער׳** [שהוא התחלת הברכות]**, איבערדעם זאָגט מען דעם פשט, אַז ס׳גייט אַרויף אויף ׳שפּעטער׳, וְיִתֶּן וְיַחְזֹר וְיִתֶּן. - אַזוי זאָגט רש״י** [לפי פירוש המזרחי][א]**.**

**א) מוז מען פאַרשטיין וואָס איז ער דאָ מרמז, ס׳איז אודאי אַזוי אַז דער בורא כל עולמים וויל געבן, גיט ער אודאי בתמידיות, וואָס דער בורא כל עולמים טוט איז אַ נצחיות, וואָס דאַרף ער זאָגן וְיִתֶּן וְיַחְזֹר וְיִתֶּן, דער בורא כל עולמים גיט** [סייווי] **כסדר.**

## ב

קושיא ב: צ״ב המדרש בשייכות ענין בִּכּוּרִים לפסוק וְיִתֶּן לְךָ

**מִטַּל הַשָּׁמַיִם. איז דאָ אַסאַך דרשות, איין דרש איז דאָ אין מדרש** (בר״ר סו, ג) **מִטַּל הַשָּׁמַיִם זה ציון שנאמר** (תהלים קלג, ג) **כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל הַרְרֵי צִיּוֹן, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ זה קרבנות** [בעץ יוסף: שבאים ממיטב הארץ]**, וְרֹב דָּגָן זה ביכורים** [שנאמר רֵאשִׁית דְּגָנְךָ]**, וְתִירֹשׁ אלו הַנְּסָכִים.**

**ב) תירוש** [אלו] **הַנְּסָכִים פאַרשטייט מען** [דהוא חלק מהעבודת קרבנות ציבור בבית המקדש]**. און ביכורים פון די ברכות האָט נישט אַזוי אינגאַנצן פלאַץ אין ׳די׳ ברכות אַריין.**

## ג
## מדרש בפסוק וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים

**נאָר וואָס דען, מ׳האָט געליינט דעם שבת: וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל. וַיֹּאמֶר אֶל עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ, אַזוי ווי ס׳שטייט ווייטער ער האָט געשיקט דאָס שליחות** [וְאַשְׁבִּיעֲךָ וגו׳ אֲשֶׁר לֹא תִקַּח אִשָּׁה לִבְנִי מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי]**.**

**שטייט אין מדרש תנחומא[ב]** (הייבט ער אָן [בריש הפרשה]) **וְאַבְרָהָם זָקֵן, ילמדינו רבינו היה רוכב על החמור והגיע זמן תפלה כיצד יעשה, וואָס זאָל ער**

---

[א] בפירוש רבי אליהו מזרחי (כז, כח) ויתן לך יתן ויחזור ויתן. פירשו בבראשית רבה (סו, ג) יִתֵּן לְךָ בְּרָכוֹת וְכוּ׳ יִתֵּן לְךָ שֶׁלְּךָ, וְיִתֶּן לְךָ שֶׁל אָבִיךָ. לא שיתן לך מִטַּל הַשָּׁמַיִם ויחזור ויתן לך ממנו פעם אחר פעם, שזה בלתי תוספת הוי״ו נמי שמעינן ליה, וכיון שלא קדמה ברכה אחרת קודם ברכת וְיִתֶּן לְךָ, יהיה הוי״ו של וְיִתֶּן נוסף בהכרח, ולפיכך הוכרחו רז״ל לדרוש יתן ויחזור ויתן, כאלו אמר יתן לך ויתן לך מטל השמים.

[ב] מדרש תנחומא (סימן א). ילמדנו רבינו, היה רוכב על חמור והגיע עונת תפלה כיצד יעשה, כך שנו רבותינו היה רוכב על החמור והגיע זמן תפלה יֵרֵד, ואם אינו יכול לירד שאין דעתו מיושבת עליו מפני המעות וכו׳ יהא מתפלל כשהוא רוכב. אמר רבי יוחנן זאת אומרת המתפלל צריך שתהא דעתו מיושבת עליו ויתפלל לפני הקב״ה, אבא שאול אומר אם כיון אדם את דעתו בתפלה יהא מובטח שתפלתו נשמעת וכו׳, ואין לך אדם שכיון לבו ודעתו לתפלה כאברהם אבינו וכו׳ לכך נאמר ואברהם זקן.

KolSatmar.com

טאָן, **יֵרֵד**, ער זאָל אַראָפּגיין פונעם חמור, (ויחזור פניו קיין ארץ ישראל, **יחזור פניו** (כדלקמן אות ה)), **ואם אינו יכול לירד או שלא היה דעתו מיושבת עליו שהיה לו מעות**, ער האָט געהאַט דאָרטן געלט איז ער נישט אַזוי מיושב, ער וועט אַריינקלערן, **לֹא יֵרֵד**, דעמאָלטס לא ירד, זאָל ער בלייבן דאָרטן זיצן כדי ער זאָל קאָנען דאַווענען מיט **ישוב הדעת**, איז ער מאריך דערויף דאָס ענין תפלה מיט **ישוב הדעת**, [עד כאן במדרש תנחומא].

**ד**

**קושיא ג:** צ״ב שייכות דיני כוונת התפלה, לפסוקי וְאַבְרָהָם זָקֵן ושליחת אליעזר

ג) איז דאָך עפּעס אַ פלא, וויאַזוי קומט דאָס עפּעס אין דעם, אין דער פרשה **וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים** און ער האָט געשיקט אליעזר עבד אברהם שטעלט ער אַראָפּ די הלכה וואָס מ׳זאָל טוהן [כשרוכב על החמור] צי מ׳זאָל אַראָפּגיין מ׳זאָל נישט אַראָפּגיין.

**ה**

חילוק בין התנחומא, המשנה, והגמרא. ועכ״פ קשה השייכות לפסוק וְאַבְרָהָם זָקֵן

ס׳איז אַביסל אַ **חילוק** [בין הגמרא להתנחומא].

אין די **גמרא**[ג] פירט אויס, סיי ווי סיי [בין כך ובין כך] **לֹא יֵרֵד**, ווייל ס׳איז נישט דעתו מיושבת, ס׳איז אַ פלוגתא, רבי [ותנא קמא, ובגמרא מסיים **הלכה כרבי**].

דער **תנחומא** זאָגט אַז נאָר דעמאָלט [שאינו יכול לירד], זעט אויס סתם לערנט ער אויכעט [יֵרֵד כתנא קמא], אַז נאָר ווען ס׳איז [אינו יכול לכוון] זאָל מען נישט אַראָפּגיין.

אין די **משנה** (שם בברכות) שטייט אויך דאָס זעלבע [כתנא קמא], **הָיָה רוֹכֵב עַל הַחֲמוֹר, יֵרֵד. וְאִם אֵינוֹ יָכוֹל לֵירֵד**, [יַחֲזִיר אֶת פָּנָיו וכו׳], **יְכַוֵּן אֶת לִבּוֹ כְּנֶגֶד בֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים**.

און די **גמרא** פירט אויס[ד] [היה עומד בחוץ לארץ] **מ׳זאָל דאַווענען** [כנגד ארץ ישראל, שנאמר] **וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם**, די גמרא לערנט אַרויס פונעם פסוק אַז מ׳דאַרף [דאַווענען] דרך פון ארץ ישראל. יעדער וואו ער איז [בכל מקום], זאָל ער זיך אַלץ דרייען פונה זיין קיין ארץ ישראל, **כְּמִגְדַּל דָּוִיד צַוָּארֵךְ** [בָּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת], לערנט דאָרט די גמרא אַרויס פונעם פסוק, **מאי קראה בָּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת, תֵּל שכל פיות פונים אליו**.

אַלץ רעכט, נאָר [קשה קושיא ג] וואו דער מדרש שטעלט דאָס אַהער אויף דעם פסוק [וְאַבְרָהָם זָקֵן].

---

[ג] **בגמרא** (ברכות ל.) תנו רבנן, היה רוכב על החמור והגיע זמן תפלה, אם יש לו מי שיאחז את חמורו, ירד למטה ויתפלל, ואם לאו, ישב במקומו ויתפלל. רבי אומר, בין כך ובין כך ישב במקומו ויתפלל, לפי שאין דעתו מיושבת עליו. אמר רבא ואיתימא רבי יהושע בן לוי, הלכה כרבי.

[ד] **בגמרא** (שם) היה עומד בחוץ לארץ, יכוין את לבו כנגד ארץ ישראל שנאמר (מלכים א׳ ח, מח) וְהִתְפַּלְלוּ אֵלֶיךָ דֶּרֶךְ אַרְצָם; היה עומד בארץ ישראל יכוין את לבו כנגד ירושלים וכו׳, היה עומד בירושלים יכוין את לבו כנגד בית המקדש וכו׳, היה עומד בבית המקדש יכוין את לבו כנגד בית קדשי הקדשים וכו׳, נמצאו כל ישראל מכוונין את לבם למקום אחד. אמר רבי אבין ואיתימא רבי אבינא, מאי קראה (שיר השירים ד, ד) כְּמִגְדַּל דָּוִיד צַוָּארֵךְ בָּנוּי לְתַלְפִּיּוֹת, תֵּל שכל פיות פונים בו.

KolSatmar.com

ו

# ביאורים בעניני בית הכנסת וכוונת התפלה

**מאמר רבי יוחנן: ״הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ״ דאִיכָּא סָבֵי בְּבָבֶל, כיון דמְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא**

לאָמיר זען [לפרש, בהקדם וואָס] די **גמרא זאָגט** אין ברכות (ח.). **תָּמַהּ רַבִּי יוֹחָנָן**, ער האָט געהערט ס׳איז דאָ **סָבֵי בְּבָבֶל**, ס׳איז דאָ אַלטע אידן זקנים, תָּמַהּ, **לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם ׳עַל הָאֲדָמָה׳** (דברים יא, כא) **כְּתִיב** [אֲבָל בְּחוּץ לָאָרֶץ לֹא], **כיון דשמע** אַז זיי זענען **מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא** [פירש״י: כלומר, מאריכין בבית הכנסת], **אָמַר הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ**, דאָס האָט זיי געהאָלפן.

ז

צריך ביאור קושיית רבי יוחנן, וכי לא ידע דיש זכותים בבבל?

נו פרעגן דאָך אַלע די קשיא, נו האָט ער דען געקלערט אַז ס׳איז נישטאָ אין בבל קיין זכותים?!, [הלא נתחבר שם] תלמוד בבלי, דער גרויסער כח התורה און בתי מדרשים, האָט ער דען נישט געוואוסט ס׳איז דאָ זכותים?!.

גם תירוצו דמְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי צ״ב, דסוף כל סוף ׳עַל הָאֲדָמָה׳ כתיב?

[אלא מאי] די קשיא איז אים געווען אין ׳פסוק׳ שטייט אָבער דאָך נאָר לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם עַל הָאֲדָמָה, אַ ׳גרויסע זקנה׳ האָט אים ׳דאָך׳ געוואונדערט, נו וואָס האָט ער פאַרענטפערט מיט דעם מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא, ס׳איז טאַקע אַ גרויסער זכות, נו אָבער די קשיא איז דאָך ווייטער ׳עַל הָאֲדָמָה׳ כתיב.

ח

המהרש״א מתרץ: דבבתי כנסיות יש קדושת ארץ ישראל על שם העתיד

**מילא איז דאָך שוין ידוע וואָס דער מהרש״א און דער של״ה הקדוש** (בהגהות מסכת תמיד נר מצוה, אות יג) זיי זאָגן אַלע ספרים, ווייל עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות אַז זיי זאָלן נקבע ווערן בארץ ישראל[ה], איז על שם העתיד אַז מ׳איז אין בית המדרש איז אַזוי ווי מ׳העט געווען אין ארץ ישראל.

ט

הרי״ף בעין יעקב מקשה כמה קושיות על תירוץ זה

נאָר אַ פלא דער **רי״ף** אויפ׳ן עין יעקב, (ער האָט דאָך נישט געזען דעם מהרש״א[ו]), ברענגט ער בימי חרפי האָט ער געהערט דעם פשט, אָבער דאָס האַלט נישט אויס, ער ווענדט עס אָפּ אינגאַנצן.

---

[ה] **במגילה** (כט.) תניא, רבי אלעזר הקפר אומר, עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל, שנאמר (ירמי׳ מו, יח) כִּי כְּתָבוֹר בֶּהָרִים וּכְכַרְמֶל בַּיָּם יָבוֹא, והלא דברים קל וחומר, ומה תָּבוֹר וְכַרְמֶל שלא באו אלא לפי שעה ללמוד תורה, נקבעים בארץ ישראל, בתי כנסיות ובתי מדרשות שקורין ומרביצין בהן תורה, על אחת כמה וכמה.

[ו] הרי״ף [או הריא״ף] על עין יעקב נתחבר בשם ספר ״מאור עינים״ על ידי הגאון רבי יאשיה ב״ר יוסף פינטו [מחותנו של רבי חיים וויטאל, וממלא מקומו ברבנות עיר דמשק], חיבורו על עין יעקב מסכת ברכות נדפס לראשונה באמסטערדאם שנת ת״ג. והגם שהספר ״חידושי אגדות״ מהרש״א נדפס קצת מקודם (חלק א׳ בלובלין שפ״ז, חלק ב׳ בקראקא שצ״ב), אבל מאחר שהריא״ף היה דר בארץ ישראל ובדמשק, ברור שלא הגיע הספר לידו. ובפרט ששמע פירוש זה ״בימי חורפו״, ומאחר שנולד בשנת שכ״ה, בודאי היה אז לפני הדפסת הספר חידושי אגדות. - ובספר תורת בן נח (דף קעג) כתב יותר מזה, וז״ל, הרב פרשת דרכים נפטר בפסח שנת תפ״ז, מכל מקום כיון דמחכמי ספרד היה, ומהרש״א מחכמי אשכנז, בלי ספק שהפרשת דרכים לא ראה ספר חידושי אגדות מהרש״א, עכ״ל.

KolSatmar.com

א. פאַרוואָס דאַרף מען זאָגן מקדמי ומחשכי ״לבי כנישתא״ [״בית הכנסת״ דוקא], זאָל ער זאָגן [גם כן] ער זיצט אין ״בית המדרש״ [כדכתיב עתידין בתי כנסיות ׳ובתי מדרשות׳], האָט ער [רבי יוחנן] דען נישט געוואוסט אַז ס׳איז דאָ אַ בית המדרש אַז מ׳לערנט, מ׳קאָן זיצן אין ״בית המדרש״, [וגם הם יקבעו בארץ ישראל].

[ומקשה] נאָך קשיות, ער זאָגט ס׳האַלט נישט אויס דער פשט.

ב. און פאַרוואָס גראָד ״מקדמי ומחשכי״, פשוט ער לערנט, און ״בייטאָג״ אַז ער זיצט אין בית המדרש איז דאָך אויך דאָס זעלבע? נייט ער זיך צו זאָגן אַן אַנדערן פשט.

# זכות הצפייה לארץ ישראל

נאָר איך העט געמיינט קען זיין אַז דער פשט איז אַזוי[ז], [לפרש] דאָס וואָס די גמרא זאָגט הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ מְקַדְּמֵי וּמְחַשְּׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא.

## וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר: אֶחָד הַנּוֹלָד בָּהּ, וְאֶחָד הַמְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ

ס׳שטייט אַרויס אין די גמרא[ח] (אין כתובות דף עה.) וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן (תהלים פז, ה), זאָגט די גמרא פון דאַנעט איז געדרינגען, [אַז] לעתיד[ט], זיי [אומות העולם] וועלן ברענגען [פאַרן מלך המשיח] יֹבִילוּ שַׁי לַמּוֹרָא (תהלים עו, יב), זיי וועלן ברענגען אַ מתנה ״אַ איד״ [מאותן שנטמעו בין האומות, ויהא נקרא בן ארץ ישראל] אֶחָד הַנּוֹלָד בָּהּ, וְאֶחָד הַמְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ וועט ס׳האָפּט עס צו זען, האָבן [אַלע] דעם זעלבן זכות, וועלן אַלע ווערן אָנגערופן ״בני ארץ ישראל״ ״בני ציון״. אַזוי זאָגט די גמרא.

זאָגט רש״י: פונעם טאָפּלטן לשון אִישׁ וְאִישׁ, איש ואיש יְתֵירָה איז געדרינגען, סיי הַנּוֹלָד און סיי הַמְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ, זענען אַלע [נקראים בני ארץ ישראל], האָבן אַלע דעם זכות.

[וממשיך הגמרא: אָמַר אַבַּיֵי, וְחַד מִינַּיְיהוּ עָדִיף כִּתְרֵי מִינָּן. אָמַר רָבָא, וְחַד מִינָּן כִּי סְלִיק לְהָתָם עָדִיף כִּתְרֵי מִינַּיְיהוּ].

זאָגט דער שיטה מקובצת[י] אַז רש״י אין מהדורא קמא זאָגט נאָך מער, וואָס ס׳איז חַד מִינָּן עָדִיף אַזוי ווי כִּתְרֵי מִינַּיְיהוּ, זאָגט ער אַקעגן ״חריפות״ איז אַ

---

[ז] בשבוע שלאחריו ביום א׳ ויצא תשכ״ז במסיבה חזר רבינו על בחינה זו, והשתמשנו בדברי רבינו שבאותו דרשה להוספות ביאור.

[ח] בגמרא (כתובות עה.) וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ וְהוּא יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן. אמר רבי מיישא בר בריה דרבי יהושע בן לוי, אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה. [פירש״י אִישׁ אִישׁ יתירא קא דריש, אחד הנולד בה ואחד הַמְצַפֶּה לראותה יִקָּרֵא מִבָּנֶיהָ וַיְבִיאֻהוּ אֶצְלָהּ]. אמר אביי: וחד מינייהו [מבני ארץ ישראל] עדיף [פקחים וחריפים] כתרי מינן. אמר רבא, וחד מינן כי סליק להתם עדיף כתרי מינייהו, דהא רבי ירמיה דכי הוה הכא, לא הוה ידע מאי קאמרי רבנן, כי סליק להתם, קרי לן בבלאי טפשאי.

[ט] בפרש״י: לעתיד לבא כשיתקיים מקרא שכתוב (ישעי׳ סו, כ) וְהֵבִיאוּ אֶת כָּל אֲחֵיכֶם מִכָּל הַגּוֹיִם מִנְחָה לַה׳ וגו׳ כל מקום שימצאו שם ״ישראל״ יאמרו העמים זהו מבני ציון, זה יֻלַּד בָּהּ, נביאנו שם.

[י] בשיטה מקובצת (בשם רש״י ז״ל במהדורא קמא). וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ זה יֻלַּד בָּהּ, וְהוּא הנולד בה יהיה חשוב שבהם ובזכותו יְכוֹנְנֶהָ הקב״ה שהוא עֶלְיוֹן. ורבי מיאשה דריש להאי אִישׁ וְאִישׁ, אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה אפילו לא נולד בה, בזכותם יְכוֹנְנֶהָ הקב״ה שהוא עֶלְיוֹן. - אמר אביי וחד מינייהו עדיף כו׳. פירוש אף על גב דרבי מיאשה אַשְׁוְיֵה הנולד למצפה לראותה, היינו לענין ״זכותא״ אבל לענין

KolSatmar.com

חילוק [שבני ארץ ישראל עדיפים בחריפות], **אָבער דעם ״זכות״ האָט מען דעם זעלבן, ווער ס׳איז מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ, ער האָפט, איז דאָס זעלבע** [כְּנוֹלָד בָּהּ], **אַזוי זאָגט די גמרא.**

### יא

מילא מ׳דאַרף דאָך נישט קיין הסבר, אַז די גמרא לערנט עס אַרויס פון אַ פסוק. נאָר [דאָך] איך האָב געזאָגט, ס׳קאָן זיין אַ שטיקל הסבר אויכעט.

## טעם הרמב״ן בעירובי תחומין: מקום מחשבתו של אדם שם מקומו

איך זאָג אַסאַך מאָל נאָך, וואָס דער **רמב״ן** זאָגט (עירובין יז:), ער פרעגט די קשיא, **וויאַזוי נוצט אַן עירוב** [תחומין]**?**, די תורה הקדושה האָט געזאָגט אַז מ׳טאָר נישט [גיין יותר מֵאַלְפַּיִם אַמָּה, און אַז איך לייג אַראָפּ דאָרט אַ שטיקל ברויט מעג איך שוין יאָ גיין?!].

מילא דער וואָס ער לערנט **תחומין דרבנן**[יא], זאָג איך הֵם אָמְרוּ [איסור תחומין], וְהֵם אָמְרוּ אַז מ׳לייגט אַן עירוב מעג מען.

אָבער דער [רבי עקיבא] וואָס ער לערנט **תחומין דאורייתא** איז דאָך מן התורה טאָר מען נישט גיין ווייטער [מֵאַלְפַּיִם אַמָּה], אַז ער שטעלט דאָרט אַן עירוב מעג ער שוין יאָ?, וויאַזוי איז דאָס אַ תקנה [שיוכלו לילך], וויאַזוי האָט מען געקאָנט מתיר זיין אַן איסור דאורייתא בְּקוּם וַעֲשֵׂה[יב]?.

זאָגט דער רמב״ן אַז מ׳לייגט דאָרט אַן עירוב, אַ סעודה, איז ״דעתו של אדם אחר סעודתו״, אין דער מחשבה איז ער דאָרט [במקום העירוב], און דאָרט וואו מ׳איז אין די מחשבה איז ווי גלייך מ׳העט דאָרט געוואוינט [ועל כן משם חשבינן אַלְפַּיִם אַמָּה]. - אַזוי זאָגט דער רמב״ן.

ס׳איז עפּעס אַ פלא, דאָס איז אַ **סברא דאורייתא**[יג], און מ׳איז מתיר אַן איסור דאורייתא ווייל מ׳איז דאָרט מיט דער מחשבה.

### יב

וזהו הסבר הגמרא שֶׁהַמְּצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ זכותו כמו הַנּוֹלָד בה, שבמקום מחשבתו נחשב כאילו הוא שם

מיט דעם קאָן מען האָבן היצט אויך אַ הסבר אויף די גמרא הַמְּצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ, ווער ס׳האָפט ער זאָל עס זען, איז ער דאָך אין די ״מחשבה״ דאָרט, אַז ער איז אין די מחשבה איז ער דאָרט, איז עס די זעלבע זאַך [כאילו נולד שם].

---

״חריפות ופקחות״ אינהו עדיפי מינן, ויפה כח הנולד מֵהַמְּצַפֶּה. והיה אפשר לומר דאביי דריש איש ואיש יולד בה, פירוש דהנולד בה הויא ליה כאיש ואיש, דעדיף כתרי מינן, ואין במשמע לישנא דגמרא דאביי חולק בדרשא דקרא עלה דר׳ מיאשה כנ״ל. עדיף כתרי מינן. בחריפות ובתלמוד.
ובשם הריב״ש. וכל חד מינן כי סליק להתם עדיף כתרי מינייהו. נראה לי הטעם כי בני ארץ ישראל ״טבע הארץ״ מסייע להם, משום דאוירא דארץ ישראל מחכים, אבל אינם רגילים ללמוד כל כך בחריפות כמו בני בבל. ולכן בבני בבל ׳ההרגל׳ מסייע ולבני ארץ ישראל טבע הארץ, וטבע הארץ עדיף מן ההרגל, אבל כשבן בבל עולה לארץ ישראל הנה ההרגל והטבע מסייעין אותו ומשום הכי עדיף כתרי מינייהו.

[יא] רבי עקיבא סבר תחומין דאורייתא, רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי, ושאר רבנן, סברי תחומין דרבנן (סוטה ל: -עירובין לה: ועוד).

[יב] עיין ביבמות (צ:) דאין כח ביד חכמים לעקור מצוה מן התורה בקום ועשה, רק בשב ואל תעשה.

[יג] היינו שהוא סברא חזקה כל כך, דהוי ממש מדאורייתא. ועיין בכתובות (כב.) למה לי קרא סברא הוא. ובענין סברא דאורייתא עיין **פני יהושע** (ברכות לה.) **ויואל משה** (לשה״ק, סימן יב). **דברי יואל** (תבא ע׳ קסב).

KolSatmar.com

יג

## טעם שצריך "להחזיר פניו" כְּנֶגֶד בֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים

**היצט איז אַזוי, די גמרא זאָגט דאָך** (לעיל אות ה) **די אַלע תפלות וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם, ס׳איז געדרינגעגן פונעם פסוק, נו ווער ס׳דאַווענט כהלכה, און ער האָט אינזין, און ער וויל דאַווענען, איז ער דאָך מחוייב יכוון לבו** [כְּנֶגֶד בֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים] **מיט דער "מחשבה".**

וצ״ב למה צריך "להחזיר פניו" ולא סגי במחשבה

**נאָר די גמרא זאָגט אַז מ׳ברויך זיך גאָר צו "שטעלן דאָרט"** [יַחֲזִיר אֶת פָּנָיו]. **לכאורה מ׳שטייט דאָרטן און ס׳איז** [ממילא] **אַ הפסק, אַזויפיל מדינות** [זענען] **מפסיק, עבודה זרה׳ס זענען מפסיק אינדערמיט, אַזוי ווי אין שלחן ערוך** (או״ח נה, כ) [מבואר דעבודה זרה או טינוף הוי הפסק לענין עניית אמן].

**דער טורי זהב זאָגט אפילו**[יד] [בענין דירה למעלה מבית הכנסת], **אַז ס׳איז מפסיק אַ דאָס** [ע״ז או טינוף] **טאָר מען נישט לאָזן** [בית הכנסת מתחתיו. והגם דאמרינן] **אפילו מחיצה של ברזל**[טו] [אינה מפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים, מכל מקום] **ס׳איז מער מפסיק ווי אַ מחיצה של ברזל.**

[ומאחר שיש דברים המפסיקים בינו לקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, בעל כרחך] **איז דאָך אויך נאָר די "מחשבה"** [שהוא כְּנֶגֶד בֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, ואם כן קשה למה צריך "החזרת פניו"].

יד

הטעם שצריכים לעשות מעשה "הנחת פת" בעירוב תחומין

**נאָר וואָס׳זשע דען, כ׳וועל זאָגן** [כמו כן] **ביי עירוב, - ווי דער רמב״ן זאָגט** [שסיבת ההיתר יען] **אַז מ׳האָט ׳אינזין׳,** - [ואם כן גם שם לכאורה יכולין לומר] **וועט ער אינזין האָבן, און ער וועט דאָרט זיין** [ולא יהא צריך למעשה] - **אָבער בלויז אינזין האָבן ? !** [פשוט דלא סגי, וצריך גם מעשה הנחת הפת].

**מילא ווי ס׳שטייט ביי בדיקה וביטול** [דלכן לא סמכו חכמים רק על ביטול והצריכו גם בדיקה].

**ווי דער ר״ן זאָגט**[טז] **אַז לעולם** [מדאורייתא] **איז גענוג ביטול בלב, נאָר אַ מחשבה אַליין טאָמער ס׳איז נישט בלב שלם** [אינו מועיל].

---

[יד] **בשלחן ערוך** (או״ח קנא, יב) **פסק המחבר, יש ליזהר מלהשתמש בעלייה שעל גבי בית הכנסת תשמיש קבוע של גנאי, וכתב הרמ״א דאם נבנה מתחילה לכך מותר. וכתב הטורי זהב** (סק״ד) **אבל תשמיש של בזיון מאוד נראה דבכל גווני אסור, כגון עכו״ם או טינוף, ואף על גב דאין מחיצה של ברזל מפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים. כל שכן כאן דדבר המאוס יפסיק את התפלה של בית הכנסת לעלות למעלה לשמים, על כן אין לעשות כלל בית הכנסת אם יש למעלה ממנו דבר מאוס, ע״כ הטו״ז.**

ועיין בקובץ **פרי תמרים** (קובץ ב׳ תשל״ח, עמוד נה) שהורה רבינו להלכה שאין לומר דבר שבקדושה בחדר מתחת לבית הכסא, ואפילו ללמוד במקום זה "שאינו כדאי", ובחדר שרק חלק ממנו הוא תחת הביכ״ס נתן רבינו עצה לעשות סימן באותו מקום, ובשאר החדר התיר לומר דבר שבקדושה, עיי״ש.

[טו] **ופירש״י** (פסחים פה:) שאין הפסק לפני המקום, שהכל גלוי וידוע לפניו, ואין סתימה לפניו.

[טז] **ברבינו נסים** (על הרי״ף פסחים א.) וז״ל, כך הוא עיקרן של דברים, שזה שאמרה תורה תשביתו יכול להתקיים באחד מב׳ דברים, או שיבטל בלבו כל חמץ שיש ברשותו, ויוציאנו במחשבתו מרשותו, וסגי בהכי מדאורייתא. או אם לא בטלו בלבו כלל, צריך מן התורה שיבדוק אחריו ויבערנו מן העולם, ולפיכך כל שאינו מבטל חייב לבדוק כדי שלא יעבור עליו בבל יראה ובל ימצא וכו׳. אלא מפני שבטול זה תלוי במחשבתן של בני אדם ואין דעותיהן שוות, ואפשר שיקלו בכך ולא יוציאוהו מלבן לגמרי, ראו חכמים להחמיר שלא יספיק בטול, והצריכוהו בדיקה וביעור.

KolSatmar.com

[און] אַ מחשבה מבטל מחשבה[י].

[ולכן] מוז מען טאָן אַ "מעשה" דערצו.

איבערדעם [גם בעירוב, כשעושה מעשה] אַז מ׳שטעלט דאָרט אַראָפּ, עפּעס אַ סעודה גרייט מען דאָרט אָן, דעמאָלט איז די מחשבה [מועלת], איז דאָס אַ מחשבה, אַז "מ׳טוט עפּעס" האָט מען אינזין, [ונחשב] אַזוי ווי מ׳העט געוועזן דאָרט, איבערדעם נוצט דער עירוב.

טו

## אופן א: בביאור מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא

על ידי שמאריכין בתפילה ומתכוונים לארץ ישראל, יש להם הזכות של ארץ ישראל

הכלל דאָס גאַנצע איז נאָר וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם.

ויש לפרש דברי רש״י שבני בבל "מאריכין בבית הכנסת"

היצט איז אַזוי, ער פרעגט [רבי יוחנן] איכא סבי בבבל, האָט ער געהערט מקדמי ומחשכי. **רש״י** זאָגט זיי זענען מאריך [בבית הכנסת].

זעט אויס, ער [רש״י] וויל זאָגן פשט, זיי [סָבֵי דְּבָבֶל] זענען דאָך מאריך בתפלה. נו אַז זיי זענען מאריך בתפלה האָבן זיי דאָך אודאי ׳אינזין׳, האָבן זיי דאָך אינזין ארץ ישראל [כדליפינן מפסוק] וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם, זענען זיי דאָך מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ.

[ולזה אמר רבי יוחנן] הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לְהוּ, אַז זיי זענען מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ האָבן זיי דאָך דעם זעלבן זכות, ס׳שטייט דאָך אַזוי דאָרט אין די גמרא אַז אחד המצפה לראותה ואחד הַדָּר בה אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ.

איבערדעם האָבן זיי דעם זכות פון לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם ווייל זיי גייען מיט דער מחשבה זענען מְצַפִּים לִרְאוֹתָהּ. (אופן ב - לקמן אות כז)

טז

## ביאור ענין אֵין אָרוּר מְדַבֵּק בְּבָרוּךְ

איבערדעם קאָן זיין, אברהם אבינו האָט דאָ געשיקט נעמען [אשה ליצחק, והשביע את אליעזר] זאָלסט נישט נעמען מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי.

אליעזר האָט דאָך געהאַט אַ פניה שטייט דאָך[יח], מ׳זאָל נעמען זיין טאָכטער, נו האָט ער [אברהם אבינו] געזאָגט: **אֵין אָרוּר מְדַבֵּק בְּבָרוּךְ**.

צ״ב דהיה לו לומר אין ברוך מדבק בארור

כ׳האָב שוין געזאָגט לאַנג, דאָ איז דאָך געווען פאַרקערט ער [אליעזר] האָט דאָך געוואָלט, דער ארור האָט דאָך געוואָלט, נאָר דער ברוך האָט נישט געוואָלט, העט ער געווען געדאַרפט צו זאָגן אין ברוך מדבק [בארור]?

**די וועלט זאָגט אפילו**, אַז בנוהג שבעולם איז אַזוי, אַז אפילו מ׳וויל [שהברוך רוצה לדבק בהארור, אבל] **דער ארור וויל נישט!**

---

[י] **בתוספות יו״ט** (פסחים פ״א מ״א) מפרש טעם חיוב הבדיקה, דשמא ימצא גלוסקא יפה, כלומר דכמו שבביטול בעלמא דהיינו בלב, שיחשוב בלבו כאילו הוא עפר סגי בכך וכו׳, הכי נמי במחשבה בעלמא חוזר מביטולו וזוכה בה דמחשבה מבטלת מחשבה.

[יח] **ברש״י** (כד, לט) אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה. אֻלַי כתיב, בת היתה לו לאליעזר, והיה מְחַזֵּר למצוא עילה שיאמר לו אברהם לִפְנוֹת אליו להשיאו בתו, אמר לו אברהם בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך.

KolSatmar.com

נו אָבער ס׳האַלט נישט אויס, וואָרן דאָ, ער האָט דאָך עס געזאָגט פאַר אליעזר׳ן, דאָ איז דאָך נישט אַזוי געווען [שהרי אליעזר רצה לדבק עמו], ווען ער זאָגט עס אויף די וועלט [שאין ארור מתדבק בברוך] קאָן מען דאָס זאָגן [שאין הארור רוצה], ער האָט דאָך געזאָגט פאַר אליעזר׳ן.

יז

צ״ב הלא אברהם אבינו היה יכול להוציא את אליעזר מכלל ארור לכלל ברוך?

נאָר איך מיין דער פשט איז אַזוי, לעולם האָט ער [אברהם אבינו] געקאָנט [להוציאו מכלל ארור].

מ׳זעט דאָך [שהיה מציאות כזה] אַז אליעזר עבד אברהם שטייט (כד, לא) **בּוֹא בְּרוּךְ ה׳** זאָגן חכמינו ז״ל[יט] ער איז אַרויס פון כלל ארור, ווייל ער האָט משמש געווען באמונה אברהם אבינו׳ן, איז ער אַריינגעקומען אין כלל ברוך.

איז דאָך געווען אַ מציאות אים אַרויסצונעמען פון דעם, נו האָט דען אברהם אבינו נישט געקענט דעם כח באַווייזן מ׳זאָל אים אַרויסנעמען [בלי השליחות ולשדך אתו]?

**ס׳קאָן זיין אפשר אים אַליין, אָבער די קינדער אפשר די טאָכטער נישט, על כל פנים מ׳האָט דאָך געקאָנט טאָן אַזוי.**

יח

ויש לומר שחשב אליעזר דעל ידי שבתו יתדבק ביצחק אבינו ישפיע עליה שתצא מכלל ארור

נאָר וואָס דען, ער [אברהם] האָט דאָ חושש געווען עפּעס אַנדערשט.

ער [אליעזר] האָט דאָ גערעכנט [דהגם שבתו עדיין בכלל ארור, מכל מקום] ער וועט זיך מדבק זיין בזרע אברהם - זיי וועלן ווערן איינס, זי וועט זיך מדבק זיין [ביצחק אבינו], - ממילא וועט זי אַרויס מכלל ארור.

**דער כלל איז אָבער - האָט געזאָגט אברהם אבינו - וויבאַלד אַז מ׳נעמט זיך צונעזאַם אַ ברוך מיט אַן ארור, אַז די זענען צוזאַמען, איז געוויינטליך איז זיך דער ברוך מדבק אין ארור**, דער ברוך ווערט אַזוי ווי דער ארור, דער ארור איז זיך נישט מדבק אין ברוך, **ער בלייבט ביי זיינעם, אפילו ער איז צוזאַמען**, דאָס האַלט נישט אויס, אַז ס׳נעמט זיך צונעזאַם די צוויי מינים איז געוויינטליך דער ברוך דער ווערט מקושר מיטן ארור, טאָמער אַרבעט ער צוזאַמען מיט אַן ארור ווערט ער מקושר מיט׳ן ארור און ׳ער׳ [ה׳בָּרוּךְ׳] כאַפּט דעם דביקות, דער ארור בלייבט ווייטער ביי זיינעם, ס׳העלפט אים נישט גאָרנישט, אַז ער אַרבעט צוזאַמען פירט ער אויס פאַרקערט, דער ארור איז זיך נישט מדבק [בברוך].

האָט אברהם אבינו געזאָגט, איך קען דאָס נישט טאָן, איי דו קלערסט אפשר אַז זיי וועלן זיך משדך זיין וועט דער ארור אַרויסקריכן און ווערן אַ ברוך, זאָגט ער ניין, אֵין אָרוּר מְדַבֵּק בְּבָרוּךְ, דאָס דביקות ווערט נישט [באופן זה, שהארור יתדבק בברוך, רק] ס׳לאָזט זיך אויס פאַרקערט [שהברוך מדבק בהארור], דאָס גייט נישט.

---

[יט] במדרש (בר״ר ס, ז) וַיֹּאמֶר בּוֹא בְּרוּךְ ה׳. אמר רבי יוסי ברבי דוסא, כנען הוא אליעזר, ועל ידי ששרת אותו צדיק באמונה יצא מכלל ארור לכלל ברוך.

KolSatmar.com

יט

## טעם לקיחת רבקה מחוץ לארץ, אף שהברכות בארץ ישראל

נאָר די קשיא איז, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וגו׳ וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה, די אַלע ברכות האָט ער באַקומען ווייל ער איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל, וכאן אי אתה זוכה לבנים, אַזוי זאָגט דאָך רש״י (תחלת פרשת לך).

און וכן הוה, ס׳איז מקויים געוואָרן וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל, [וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים. אַלע ברכות האָט ער באַקומען דאָרט, ווייל ער איז אַרויס פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל.

צום סוף ער האָט געדאַרפט האָבן אַ שידוך, האָט ער געשיקט קיין ״חוץ לארץ״?

ממה נפשך, אַז די אַלע ברכות, - ער האָט [דאָך] געזוכט דעם בָּרוּךְ [לדבק בברוך], דעם גאַנצן בָּרוּךְ - **האָסטו באַקומען ווייל דו ביסט געווען אין ארץ ישראל, און אַז ער האָט געברויכט האָבן** [דעם בָּרוּךְ] **האָט ער נישט געוואָלט האָבן דעם** [אליעזר] **?!.**

**״במקום הברכה״ איז געווען אליעזר, האָט ער געזאָגט ביסט נישט גוט, אֵין** אָרוּר מְדַבֵּק בְּבָרוּךְ, און [אַז] ער וועט אַרויסגיין צו נעמען בתואל׳ס טאָכטער פון ״חוץ לארץ״, און דאָרט איז דאָך נישט געווען די גאַנצע ברכה, נו וויאַזוי וועט דאָ אַריינפירן די גאַנצע ברכה?

**ער האָט געדאַרפט אַרויסשיקן?!, ער האָט געדאַרפט האָבן אַ שידוך טאָן מיט אַ קינד האָט ער געמוזט שיקן קיין חוץ לארץ?!**

כ׳מיין, ממה נפשך פאַרוואָס?!, **דאָרט** [בארץ ישראל] **איז דאָך דאָס פּלאַץ פון די ברכה?!.**

כ

## ביאור המדרש תנחומא בקושיא ג:

ישוב טעם לקיחת רבקה מחוץ לארץ, שמחשבה היתה דבוקה בארץ ישראל, ועל כן נחשבת כבני ארץ ישראל

נאָר דער תירוץ איז:

איבערדעם ברענגט דער מדרש [תנחומא] צו די הלכה [אם צריך לירד מן החמור, לענין שליחת אליעזר], איך זעה דאָך אַז ס׳מוז זיין [ירד מן החמור וכן ש] יַחֲזִיר פָּנָיו [כְּנֶגֶד ירושלים ווען עס] קאָן זיין, סיידן [=חוץ] נאָר דעמאָלטס [לא ירד] ווען ס׳וועט זיין **דעתו מיושבת** [על החמור], זע איך דאָך, איז דאָך די הלכה [שהעיקר] מ׳זאָל ׳אינזין האָבן׳.

אַז ס׳איז ווידעראום אַזוי [שעיקר הוא הכוונה, א״כ בוודאי מכוונים לארץ ישראל], איז דאָך הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ, איז דאָ אין חוץ לארץ [אויך] די ברכה.

איבערדעם געהער טאַקע [שליחת אליעזר] צו די הלכה, ברענגט צו דער מדרש צו דעם, וואָס דעמאָלטס [כשמכוונים כנגד ארץ ישראל] איז אין חוץ לארץ דאָ די הלכה [כמו ארץ ישראל], די זעלבע זאַך, האָט ער דעם זעלבן זכות, ממילא איבערדעם האָט ער געקאָנט נעמען פון חוץ לארץ.

KolSatmar.com

ער [אברהם] האָט געוואוסט [אַז] **רבקה אמנו זי איז געווען דבוק אין דעם, האָט זי דעם זכות פון ארץ ישראל, ווייל ער האָט געוואוסט אַז זי איז דבוק אין דעם** [שמכוונת לבה]**, האָט זי אינזין** [כנגד ארץ ישראל, וידע] **אַז מחשבתה איז טאַקע ווייטער אויף ארץ ישראל,** [ושפיר מובן ששלח לקחת מחוץ לארץ].

**כא**

הקדמה לביאור המדרשים בפסוק וְיִתֶּן לְךָ [קושיות א ב]

## ביאור שייכות "ביכורים" לשלש תפלות

קאָן זיין [לבאר קושיות א׳ וב׳, בהקדם וואָס] כ׳האָב געזאָגט:

ס׳שטייט אין **מדרש תנחומא**[כ], **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ** (דברים כו, א), **אַז משה רבינו האָט געזען בית המקדש עתיד ליחרב וביכורים עתידין ליפסק, ביכורים וועט זיך אויפהערן, האָט ער מתקן געווען** [שיהיו מתפללין] **שלש תפלות.**

צ״ב הלשון "ביכורים" עתידין ליפסק, והיה לו לומר "קרבנות" עתידין ליפסק?

**ס׳איז מיר קשה געווען אַלץ. די תפלות זענען** [דאָך] **אַקעגן ׳תמידין׳** (ברכות כו:)**, און ׳ביכורים׳ מַאן דְּכַר שְׁמֵיהּ, ער האָט געדאַרפט זאָגן די ׳קרבנות׳ וועלן זיך אויפהערן האָט מען געמוזט מאַכן תפלות, וואָס עפּעס ביכורים?!.**

**כב**

דיוקים בפסוק הִגַּדְתִּי הַיּוֹם שבפרשת ביכורים

כ׳האָב געזאָגט פשט [בהקדם לפרש הפסוק בפרשת ביכורים].

**ס׳שטייט ווען מ׳האָט געברענגט ביכורים** [ענו ואמרו:] **הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה׳ אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ, איך זאָג אַז איך בין געקומען צום באַשעפער.**

א. [וצ״ב] **וואָס הייסט "האָסט געזאָגט אַז דו ביסט געקומען", אַז דו האָסט געברענגט ביכורים ביסטו דאָך דאָ, ער דאַרף** [דען] **צו זאָגן ער איז געקומען?, וואָס האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן.**

ב. **און דערנאָך** [קשה]**, ס׳שטייט וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה** [פרש״י] **זה בית המקדש,** [ולאחריו כתיב] **וַיִּתֶּן לָנוּ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת ארץ ישראל.**

**נו האָט מען דען געבויעט אַ בית המקדש איידער מ׳איז געווען אין ארץ ישראל?, ער העט געווען געדאַרפט צו זאָגן** [מקודם] **וַיִּתֶּן לָנוּ אֶת הָאָרֶץ** [ואח״כ] **וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה, וואָס זאָגט ער פאַרקערט?.**

**כג**

## בצמח ה׳ לצבי: אם חוטאים בארץ ישראל, נתחלף המקום לארץ העמים

**נאָר וואָס דען, איך האָב שוין דאָס געזאָגט אַסאַך מאָל.**

**דער צמח** [ה׳ לצבי] **ברענגט דאָך**[כא]**, דער אייבירשטער זאָל אָפּהיטן אַז מ׳זינדיגט אין ארץ ישראל טוישט זיך איבער די ערד. (כ׳האָב עס שוין אַסאַך מאָל מזכיר געווען, איך ברענג עס, דער צמח אין פרשת ראה זאָגט עס באריכות).**

---

[כ] **בתנחומא** (כי תבא, א), צפה משה ברוח הקודש, וראה שבית המקדש עתיד ליחרב, והבכורים עתידין ליפסק, עמד והתקין לישראל שיהיו מתפללין שלשה פעמים בכל יום וכו׳, לפי שחביב תפלה לפני הקב״ה מכל מעשים טובים ומכל הקרבנות.

KolSatmar.com

ס׳איז עפּעס אודאי אַן ענין [שמדבר מפנימיות של ארץ ישראל], ער מיינט נישט אַז דאָס גשמיות [של הארץ מתחלפת], קאָן מען דאָך נישט זאָגן, זעט מען דאָך נישט, נאָר ס׳מוז זיין אַזוי ווי קִפֵּל כָּל הָאָרֶץ תַּחְתָּיו[כב] [הנאמר אצל יעקב אבינו], - איך ברענג דאָך עס אין **ויואל משה** (מאמר ב׳, סימן קכט), - קִפֵּל כָּל הָאָרֶץ תַּחְתָּיו שטייט, האָט מען דען געמומען דאָס גשמיות פון ארץ ישראל [וקפלוה תחת יעקב אבינו], נאָר וואָס דען, אָבער דער כח די קדושה דאָס פנימיות פון ארץ ישראל ווערט איבערגעטוישט, און ס׳קומט אַהער אַ פּלאַץ פון אַ מקום טומאה.

ער [בצמח ה׳ לצבי] טייטשט, **וְאִבַּדְתֶּם** [אֶת שְׁמָם מִן **הַמָּקוֹם הַהוּא** (דברים יב, ג)] אַז מ׳זינדיגט דאָרטן, איז עס נישט ארץ ישראל.

**כד**

אי אפשר להביא ביכורים רק מארץ ישראל ולכן בשעת ביכורים בודאי יש לו קדושת הארץ

דאָס קאָן זיין, היצט איז אַזוי, וואָס טוט מען אַז איינער גייט ברענגען ביכורים, טאָמער האָט ער חלילה געזינדיגט [אין מקומו נמצא בארץ ישראל], און ווידעראום די תורה הקדושה האָט געהייסן קורא זיין, טאָמער האָט ער נישט מֵאַרְצְךָ איז דאָך מביא ואינו קורא[כג] ווייל מ׳זאָגט הארץ אֲשֶׁר נָתַתָּה [לִּי], נו וויאַזוי קען ער ברענגען ביכורים.

אלא מאי מוז זיין, דאָס איז אַן הבטחה אַז די תורה הקדושה האָט אים געהייסן ברענגען ביכורים איז אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה תּוֹרָתוֹ פְּלַסְתֵּר, איז **באותו הזמן ווען ער ברענגט ביכורים, מוז עס ווערן ארץ ישראל, באַקומט עס צוריק קדושת הארץ.**

יישוב קושיא א׳ וב׳ בפסוק הִגַּדְתִּי (אות כב)

איבערדעם אַז ער האָט געברענגט ביכורים, האָט ער געזאָגט הִגַּדְתִּי הַיּוֹם וגו׳ **כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ**, היצט ווייס איך אַז איך בין געקומען **אֶל הָאָרֶץ**, וואָרן אַז איך ברענג ביכורים.

איבערדעם זאָגט ער [קודם] **וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה**, אַזוי ווייס איך **וַיִּתֶּן לָנוּ אֶת הָאָרֶץ**, אַז איך האָב באַקומען ארץ ישראל, אַז נישט האָב איך עס נישט געוואוסט.

**כה**

ביאור מדרש שראה משה ״ביכורים״ עתידין ליפסק

איבערדעם האָט ער געזאָגט [המדרש (אות כא)], ער [משה רבינו] האָט געזען **״ביכורים״ עתידין ליפסק, נו אויב אַזוי קאָן זיך חלילה אויפהערן זכותא דארץ**

---

[כא] **בצמח ה׳ לצבי** (מהרה״ק רבי צבי הירש המגיד מנדבורנא זי״ע, מתלמידי המגיד מזלאטשוב זי״ע. פרשת ראה) **וז״ל, ובזה** תבין איך מקום השכינה, שהיה כהן גדול נכנס פעם אחת בשנה וכו׳, איך עתה הוא בית תורפה של ישמעאלים, בית ע״ז שלהם, אלא שנתקפלה ירושלים וגברה עליו קליפה של שאר ארצות. ואפשר לומר שבקיפול ארצות באה שם רצועה מֵאֲרָם, עד שבנו שם בית הע״ז, והם חושבים שבנו בירושלים, והם מכזבים וכו׳, המקומות אלו שבאו לכאן, הוא על ידי שעבדו הגוים את אלהיהם בכאן, וקדושת ארץ ישראל לא רצתה לסבול הטומאה, ובאו המקומות מארצם הטמא לכאן.

[כב] **בגמרא** (חולין צא:) הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ. מאי רבותיה [ארבע אמות משכבו הבטיחו לתת לבניו]? אמר רבי יצחק, מלמד שקפלה הקב״ה לכל ארץ ישראל והניחה תחת יעקב אבינו, שתהא נוחה ליכבש לבניו.

[כג] כדאיתא במשנה (בכורים א ג) מְבִיאִין וְלֹא קוֹרִין, שֶׁאֵינָן יְכוֹלִין לוֹמַר אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה׳.

KolSatmar.com

ישראל [כי על ידי הבאת ביכורים חוזרת קדושת הארץ], **האָט ער מתקן געווען די ג׳ תפלות, וועט מען דאָך זיין מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ.**

כו

## מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ, הכוונה לראות "קדושת" ארץ ישראל

**מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ איז, וואו ס׳איז די קדושה האָפט מען אַז מ׳זאָל עס זוכה זיין** [צו זען]. **ס׳זאָל נתגלה ווערן מ׳זאָל זען וואו ס׳איז ארץ ישראל, מ׳זאָל זען די קדושה.**

און ׳דאָס׳ בלייבט אייביג. ממילא קומט אויס זכותא דארץ ישראל בלייבט טאַקע ווייטער נאָר פון די וואָס זענען [מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ].

**דאָרט אַליין** [גם בארץ ישראל], **אַז ער וויל וויסן ער איז אין ארץ ישראל, מוז ער זיין הַמְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ.**

**וואָס הייסט הַמְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ? איז דאָך מובן מאליו. מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ אַז מ׳זאָל זען די קדושה, נישט די חלילה וואָס זיי פירן אַוועק ארץ ישראל, אַזוי ווי ס׳איז בעונותינו הרבים.**

כז

## אופן ב: בביאור מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא

על ידי שבני חוץ לארץ דואגים שיתקיים הקדושה בארץ ישראל, יש להם הזכות לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם

**נאָר מ׳קען זאָגן אַביסל בדרך צחות.**

אַז מ׳זאָל קוקן דעם מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא הַיְינוּ דְּאַהֲנִי לְהוּ, ס׳קאָן זיין נאָך אַנדערשט אויך דער פשט.

הײנט קאָן עס האָבן נאָך אַן אַנדערן פשט, אַז מ׳זאָל זיין לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וגו׳ עַל הָאֲדָמָה די חוץ לארץ׳דיגע אידן עַל הָאֲדָמָה.

כח

הבתי מדרשים בארץ ישראל מתקיימים על ידי בני חוץ לארץ

**אַז מ׳זעט אַז ס׳קאָן זיין אין ארץ ישראל מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא מסתמא האָבן די חוץ לארץ אידן אינזין ארץ ישראל, וואָרן אַז נישט קען עס נישט זיין.**

א. עניי ארץ ישראל אין להם היכולת להחזיק בעצמם הבתי מדרשות

**קודם על פי פשוט נישט, וואָרן פון וואו האָט מען, פון וואו קאָן מען זיין, ס׳איז דאָך נישטאָ** [בארץ ישראל] **קיין פרנסה, וויאַזוי קאָן מען זיין מקדמי ומחשכי אין ארץ ישראל לבי כנישתא, אַז חוץ לארץ וועט אינזין האָבן ארץ ישראל און מ׳וועט שיקן, און מ׳וועט זען מ׳זאָל קאָנען, וועט מען קאָנען זיין.**

ב. עניי ארץ ישראל אין להם היכולת להחזיק בעצמם הבתי מדרשות

אָבער נאָך, ס׳איז אָבער נאָך מער אויכעט, מילא עקסטער דעם וואָס מ׳קאָן נישט וועגן גשמיות.

**און דערנאָך ווען ס׳זאָל נישט זיין אין חוץ לארץ אַביסל אידן וואָס זאָלן אינזין האָבן ארץ ישראל זאָל זיך פירן בקדושה, העט מען שוין לאַנג צוגעשפּאַרט אַלע בתי מדרשים!**

KolSatmar.com

אַזוי ווי מ׳זעט בעונותינו הרבים אונטער דער היצטיגער הנהגה [של המינים ואפיקורסים], **מ׳קוקט דאָך אויף דעם אַרויס רחמנא ליצלן, ווען מ׳זאָל קאָנען חס ושלום אויסמעקן דעם גאַנצן כח התורה.**

**און פאַר די ארץ ישראל אידן האָבן זיי נישט קיין מורא! אויף דעם האָבן זיי עצות גענוג**[כד]**.**

**זיי העטן געקאָנט חלילה אַלדינגס שטערן, פון דעם איז קיין שמועס נישט, זיי העטן געוועזן שוין לאַנג צוגעשפּאַרט** [מקומות התורה והתפלה]**.**

**איך מיין נישט נאָר מיט די מתים** [שגוזרים ניתוחי מתים, וחיטוטי שכבי]**. נאָר די לעבעדיגע רחמנא ליצלן, ס׳העט שוין לאַנג נישט געוועזן גאָרנישט.**

**נאָר איין זאַך איז, אַז ס׳איז דאָ אַביסל אידן אין חוץ לארץ, האָבן זיי מורא פאַר דער וועלט, מ׳וועט מְגַלֶּה זיין, מ׳האָט מורא אַז מ׳וועט שרייען און מ׳וועט רעדן**[כה]**.**

---

[כד] לשון קדשו של רבינו (באסיפת התאחדות הרבנים ד׳ נשא תשי״ח):

די איינציגע זאַך זיי האָבן דאָך אַביסל מורא פאַר אינדרויסן. הגם ליידער זיי האָבן דאָך דערוישט די גאַנצע וועלט, ס׳איז אַ גרויס אומגליק וואָס זיי האָבן צו זיך ״די רעליגיעזע״, כ׳וועל שמועסן אָפן געשמועסט, רבנים מיט ראשי ישיבות, אַלעס איז מיט זיי, ס׳איז אַ ביטער אומגליק...

אין לאַנד וואָס מ׳קען טוהן האָבן זיי ״עצות״, האָבן זיי ביטערע שטעקענעס, מיט רוצחים, די ״משטרה״ וואָס זיי קענען שלאָגן, פאַר אין לאַנד האָבן זיי נישט מורא.

[אין] אויסלאַנד אַז מ׳זאָגט דאָרטן אין אַ בית מדרש׳ל צי אַ פּאָר בתי מדרשים, דאָס נוצט ווייניג. **פאַר די עפענטליכע גאַס איז די איינציגע זאַך וואָס זיי האָבן מורא, אַז מ׳דערציילט פאַרן גוי,** ער האָט נישט מורא [שילחמו האומות עמהם, שיודעין] דער גוי וועט זיך נישט גיין שלאָגן פאַרן דת, אָבער ס׳פּאַסט זיי נישט.

אָבער דער עיקר איז, דער גוי איז משפיע אויפ׳ן איד, ווייל ווי נישט דאַרפן זיי האָבן נאָך דעם איד, ער וויל נישט פאַרלירן די צורה [שמדברים בשם היהודים], און דער אַמעריקאַנער עולם די הערן וואָס דער גוי זאָגט, נישט דאָס וואָס מ׳זאָגט אין בית המדרש, דאָס וואָס די גוים וועלן זיי פאָרוואַרפן אַמאָל דאָס קאָן שוין שאָטן, ס׳קאָנען אידן אַוועקפאַלן, ער שעמט זיך פאַרן גוי ווייל ער האָט מורא פאַר׳ן איד.

קורץ, אין דעם איז נישטאָ קיין מקום להסתפק, וואָרן חס ושלום דאָס גייט וואָס אַמאָל ווייטער, **זיי וועלן נאָך צושפאַרן די בתי מדרשים און נישט לאָזן קיין תלמוד תורות,** [ומה שלא עשו עדיין בשביל] זיי האָבן אַביסל מורא, טאָמער אַז זיי וועלן זיך געוויינען און זיי וועלן זען אַז זיי האָבן זיך נישט צו פאַרכטן פאַר דרויסן גאָרנישט, דעמאָלטס זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין, וועט אויסקומען חלילה ס׳זאָל נישט בלייבן חלילה קיין אידיש קינד אין ארץ ישראל, דאָס איינציגע מיטל איז דאָס.

[כה] **בויואל משה** (שלש שבועות, סימן קיד) וזלש״ק, הנה לא מסתפק שום אדם, כי אותה המלכות מַעֲבֶרֶת על הדת וַחֲפֵצָה לעקור האמונה וכל התורה כולה, וכמו שהעיד החכם מכל אדם (במשלי ד׳ פסוק ט״ז) כִּי לֹא יִשְׁנוּ אִם לֹא יָרֵעוּ וְנִגְזְלָה שְׁנָתָם אִם לֹא יַכְשִׁילוּ, וכמו שנתברר מכמה דורות שזה כל תאוותם, אלא שמפחדים קצת מן העולם. **ובודאי שמתושביהם לא היו מפחדים כלל, כי שם הכל תחת ממשלתם והמשטרה שלהם, אלא שאינם יכולים לעשות שם הכל, מפחד של חוץ לארץ** וממגבית הממון שבחו״ל שבזה תלוי קיומם, גם בושים עדיין קצת מן האומות אם יראו ששומרי התורה מתנגדים להם, ולכן לוקחין ביניהם מפלגות הדתיים, שיהיה להם לִכְסוּת עֵינַיִם.

וחלק גדול מהנותנים לאותו המגבית לא היה ברצונם שיהיה העברת הדת בכח ממונם, אבל כיון שכל מפלגות הדתיות המה שותפים באותו המגבית, גם האגודה משתתפת בכל מיני גביית הממון שלהם, והכל נוגעין בדבר, ומכסין מן ההמון ואין מודיעין להם שבממונם מעבירין על הדת, לכן עושין מה שעושין העברה על הדת בעזות וחצופות. ולא עוד אלא אפילו כשעושין איזה

KolSatmar.com

**דאָס איז דער גאַנצער כח! נאָר דורך דעם איז דאָ אַ בית המדרש אין ארץ ישראל, און מ׳דאַווענט נאָך און מ׳לערנט נאָך, ווייל ס׳איז דאָ אַביסל אידן אין חוץ לארץ,** [משא״כ] **ווען ס׳העט חס ושלום דאָס נישט געווען.**

ממילא האָבן די חוץ לארץ׳דיגע אידן דעם כח פון ארץ ישראל.

כט

דאָס קען זיין דער פשט. מ׳זאָל קוקן אין ארץ ישראל, אַז ס׳איז נאָך דאָ אידן מְקַדְּמֵי וּמְחַשְּׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא, איז אַ סימן אַז אין חוץ לארץ אַז ס׳איז דאָ אידן וואָס מ׳האָט נאָך אינזין ארץ ישראל.

הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ, **דאָס העלפט פאַר די חוץ לארץ׳דיגע אידן העלפט דאָס אַז זיי האָבן דעם זכות פון ארץ ישראל.**

**אַז מ׳זעט אַז ס׳איז נאָך דאָ בתי מדרשים אין ארץ ישראל, אַז מ׳קאָן נאָך דאָרטן לערנען און דאַווענען, איז אַ דאַנק דעם ווייל ס׳איז דאָ אַביסל אידן אין חוץ לארץ.**

ל

## הַמְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ: שעושה ׳מעשה׳ להחזיק תורה וקדושה בארץ ישראל

**היוצא לנו מזה דאָס איז דער תכלית אַז מ׳דאַרף דאָ אינזין האָבן.**

**נו וויאַזוי ווייסט מען הַמְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ מ׳זאָל זען?**

[אמנם דמצינו שעל ידי הכיס רואים מה שבלב, כדאיתא בגמרא (עירובין סה:) אמר רבי אילעאי] **בג׳ דברים אדם ניכר בכוסו ״בכיסו״ ובכעסו.** [וכן מצינו בירושלמי (תרומות פ״ח ה״ד) דַּעְתָּא בְּלִיבָּא תַּלְיָא], **וְלִיבָּא בְּכִיסָא תַּלְיָא.**

---

מחאות נגדם בזעקה וכאב לב נגד העברת הדת וחילול ה׳ ותורתו הקדושה, שבושים בזה בפני העם ובפני האומות, וזה מועיל לפעמים.

ואף שהם מפירין דת וכופרין בכל בפרהסיא, וכל האומות יודעין שבישראל אין תורה ואין אמונה, כי הכל רואין את מעשיהם ודרכם של אותה הממשלה, וכעת עוד הודיעו לכל הגוים שכל הנכרים יוכלו להיות יהודים אף בלא תורה ואמונה כלל אלא בחתימה על אגרת שהוא יהודי, ולא נמצא כזאת בשום אומה ולשון שלא יתחשבו כלל וכלל עם דתם, וזה כל מגמתם להחזיק שיטה זו בעיני כל העולם, כי טובה הארץ וממשלתם, אף כשהוא בלא תורה ואמונה כלל, וזה כבודם שיכירו וידעו אף כל האומות, שבישראל אין פגם מה שאין להם דת ואמונה, כי ככה היא תורת ישראל שהממשלה תוכל להשתלט עליה ואף לעקרה חס ושלום.

**ולכן כשיש צעקה ומחאה בחוץ נגד זה, עד ששומעין גם האומות שעדיין יש בישראל שומרי תורה ומצות שנותנים נפשם על התורה הקדושה ומוכנים ללחום עבור כבוד ה׳ ותורתו הקדושה,** זה להם לבושה, אף שידוע לכל בלי ספק שהאומות לא יכנסו בעובי הקורה עבור התורה הקדושה, ומאי איכפת להו אם ישראל שומרין תורה או לאו, ואין חשש כלל שיגיע איזה נזק מזה, אלא שכואב להם זה מחמת קצת בושה. או אפשר גם חשש היזק ממון, כי חלק גדול מהנותנים למגבית הממון מושפעים מדעת האומות ועושה עליהם רושם הפירסום הזה.

**ואין ספק שיש לחשוב אפשרות שיהיה אולי קצת תועלת במחאות כאלה, שימנעו על כל פנים לפעמים מלהרבות כל כך בגזירות של הפרת הדת,** שהחיוב למסור נפשו על זה, ועל כן אחר הנסיונות המרובות של כמה וכמה שנים שנתברר שלא הועיל אצלם שום השתדלות ותחנונים למונעם מהפרת הדת, הכי יש לישב לגמרי בחיבוק ידים עד אשר יעשו הכל חס ושלום כחפצם ורצונם בהפרת הדת בלי שום מפריע?!. ועל כל פנים חיובא רמיא לזעוק זעקה גדולה ומרה בחוצות וברחובות על חילול השם ותורתו הקדושה באופן נוראה שלא היתה כזאת בישראל מעולם.

KolSatmar.com

אַז מ׳לאָזט זיך קאָסטן געלט, דעמאָלטס קאָן איך גלייבן אַז דו האָסט עס אינזין, אַז דו גיסט נישט גאָרנישט האָסטו עס נישט אינזין.

אַ בלויזע מחשבה, אַ מחשבה, אפילו ביטול [בלב לחמץ] נוצט אויך נישט [כדברי הר״ן לעיל (אות יד)], מ׳מוז עפּעס טאָן אַ ׳מעשה׳.

וואָס זאָל זיין די מעשה?, בלויז ביים דאַווענען ווערסטו אינזין האָבן?!

ווער ווייסט וואָס מ׳האָט אינזין ביים דאַווענען?, ס׳שטייט טאַקע וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ [אַרְצָם], ער [רבי יוחנן] האָט געוואוסט טאַקע, אַז מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, זיי זענען מאריך בתפלה, מסתמא האָט מען אינזין.

אָבער היינט, האָט מען אינזין די ביזנעס, ער פאַרגעסט גאָר, און ניטאַמאָל ווייסט ער וואָס אינזין צו האָבן.

נאָר וויאַזוי דען זע איך [שהוא מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ]?!, וואָס דען קאָן איך זען? אַז ס׳איז אַ מעשה!

**אַז דו גיסט צושטייער און דו העלפסט אַרויס, דו זעסט ס׳זאָל בלייבן אידן, די אַלע מקומות התורה וואָס זענען אין ארץ ישראל.**

און בתוכם איז דער כולל וואָס ס׳איז מיוסד פון לאַנג אויס.

**מ׳האַלט אויף בתי מדרשים מיט אידישע אידן, און מ׳האַלט אויף, אַז מ׳גיט זיך אָפּ דערמיט. די וואָס זענען מסייע דערצו, זענען פון די מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ, אַז זיי זאָלן זען די קדושה.**

ממילא קומט די גאַנצע ברכה וואָס דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל.

**זענען באַטייליגט** [בכלל הברכה] **די אַלע וואָס זיי האָבן עס אינזין און זענען מְצַפִּין לִרְאוֹתָהּ און זענען מסייע דערצו.**

לא

## ביאור קושיא ב:

כל המדרש מִטַּל הַשָּׁמַיִם מרמז על כוחות התפלה, ובזה יש שייכות לקדושת ארץ ישראל ששם מקום הברכות

[ובזה נבא לפרש] **דעם וְיִתֶּן לְךָ מִטַּל הַשָּׁמַיִם, די ברכה האָט ער געזאָגט** [במדרש] **זה ציון**, [שנאמר] **כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל הַרְרֵי צִיּוֹן.**

**נאָר ווי אַרומער,** [וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ] **זאָגט ער מיט קרבנות שטייט דאָך אויך, זאָגט ער דאָרטן** [במדרש רבה (בקושיא ב), וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ אלו הקרבנות, כדכתיב (תהלים סו, טו) עֹלוֹת מֵיחִים אַעֲלֶה לָּךְ].

**און ווידעראום זאָגט ער דָּגָן אלו ביכורים, אַזוי ווי** [משה תיקן שלש תפלות שטאָטס דעם וואָס מ׳האָט ביי ביכורים זיך דערמאַנט [מקדושת ארץ ישראל (אות כה)].

**און דעם וְתִירֹשׁ די נְסָכִים וואָס מ׳איז מוסך. - די נסכים זענען דאָך** [נכלל] **דערינען ניסוך יין און ניסוך המים. און ס׳שטייט דאָך** (בייטב פנים, ליל ב׳ דסוכות) **אַז דער רמז אַנשטאָטס דעם ניסוך המים, היינט אַנשטאָטס די נסכים איז שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ** (איכה ב, יט), **די כוחות התפלה.**

KolSatmar.com

**לב**

און מיט דעם אַליין וואָס מ׳וועט מסייע זיין [ביד יראי ה׳ דשם ולחזק קדושת ארץ ישראל], איבערדעם קומט טאַקע קומט נאָך די גאַנצע ברכה וואָס דער בורא כל עולמים האָט געגעבן [ומיושב שייכות המדרש לפסוקי הברכות וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם].

ס׳זאָל טאַקע זיין די גאַנצע ברכה וואָס דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט **וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה** [שתלוי הכל בארץ ישראל שהוא במקום הברכה (כדלעיל אות יט)].

דאָס [בכלל הברכה זענען באַטייליגט] איז אֶחָד הַנּוֹלָד, - על כל פנים אַזוי שטייט אין די גמרא אַ דבר ברור - [וְאֶחָד] המצפין לראותה.

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

**מ׳זאָלמיר די זכיה האָבן, מ׳זאָל מיר זען דאָס וואָס מ׳האָף מיר.**

און די אַלע וואָס זענען מסייע, דער אייבירשטער זאָל העלפן, זאָלן געבענטשט ווערן.

**לג**

## ביאור וְיִתֵּן וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן [קושיא א]

**אופן א:** וְיִתֶּן כעת ברכת ארץ ישראל להמצפין לראותה. וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן שיתקיים בפועל ממש.

נאָר קען זיין דער וְיִתֶּן וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן [דצ״ב מה בא לרמז זה].

וואָרן לעולם איז דאָך אַזוי, כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל הַרְרֵי צִיּוֹן [וגו׳ וְרֹב דָּגָן] אלו ביכורים, נו וויאַזוי איז מען אַ חלק פון ארץ ישראל, די ברכה פון ציון, אַז מ׳איז מצפין לראותה, אָבער אונז האָף מיר אַז ס׳זאָל טאַקע זיין בפועל ממש.

דאָס איז וְיִתֶּן וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן, נישט נאָר דעם סיוע אויף דעם אופן [רק שיהיה גם בפועל ממש].

**לד**

**אופן ב:** יִתֵּן הברכות לְהַנּוֹלָד בָּהּ. וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן לְהַמְּצַפִּין לִרְאוֹתָהּ.

ס׳זאָל טאַקע זיין אַזוי ווי ער זאָגט [בגמרא, אַז] ס׳איז טאָפּלט **אִישׁ וְאִישׁ, הַנּוֹלָד בָּהּ, וְהַמְּצַפִּין לִרְאוֹתָהּ**, זאָל זיין יִתֵּן [לְהַנּוֹלָד בָּהּ] וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן [לְהַמְּצַפִּין לִרְאוֹתָהּ].

**לה**

על ידי שהציבור יִתֶּן וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן עוד ועוד, כן יתעורר השפעת השי״ת וְיִתֵּן וְיַחְזוֹר וְיִתֶּן על דרך ה׳ צִלְּךָ

[ואפשר לומר גם] על פי פשטות. ס׳איז דאָך אַ כלל גדול, ה׳ צִלְּךָ[כ], אַז וואָס מ׳טוט דאָ [לויט די עבודה פונעם מענטש, כן בא ההשפעה מהשי״ת].

---

[כ] מדרש המובא בשל״ה הקדוש (השער הגדול אות שו.) וז״ל, כן אמר דוד ה׳ שֹׁמְרֶךָ ה׳ צִלְּךָ עַל יַד יְמִינֶךָ (תהלים קכא, ה), מהו ה׳ צִלְּךָ ?, כצִלְּךָ, מה צִלְּךָ אם אתה משחק לו הוא משחק לך, אם אתה בוכה לו הוא בוכה כנגדך, ואם אתה מראה לו פנים זעומות או מסוברות, אף הוא נותן לך כך, אף הקדוש ברוך הוא צִלְּךָ, כשם שאתה הווה עמו כך אני הווה עמך, עד כאן.

ובלשון קדשו של רבינו (ס״ג פקודי שקלים תשכ״ז): ס׳שטייט ה׳ צִלְּךָ, זאגט דער מדרש, אזוי ווי דער צֵל טוט וואָס דער מענטש טוט, אַזוי די השפעה פון בורא כל עולמים קומט לויט די עבודה פונעם מענטש. אין די ספרי תלמידי בעל שם טוב ברענגען זיי, אַז דער בעל שם טוב איז געווען מרגלא בפומיה דאָס, זיי ברענגען עס גאָר אַסאַך פונעם בעל שם טוב אַליין, זעט אויס ווייל ס׳איז געווען מרגלא בפומיה.

KolSatmar.com

אַז דער עולם אַליין זאָל מקיים זיין וְיִתֵּן וְיַחְזֹר וְיִתֵּן, מ׳זאָל נישט יוצא זיין מיט איינמאָל געבן, מ׳דאַרף כסדר געבן, מ׳ברויך כסדר.

ס׳זאָל זיין וְיִתֵּן וְיַחְזֹר וְיִתֵּן [מצדינו, להחזיק תורה ואידישקייט], וועט דער בורא כל עולמים פאַר אידן אויכעט געבן אַזוי, וְיִתֵּן וְיַחְזֹר וְיִתֵּן.

**לו**

## סיום התורה

דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע:

אַז מ׳זאָל די זכיה האָבן אַז די אַלע אידן וואָס זיי האָפן אויף אידישקייט און אויף דער תורה, אַז מ׳זאָל קאָנען אויפהאַלטן דאָס אידישקייט דאָרט במקום הקודש אין ארץ ישראל.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, ער זאָל זיי געבן די ברכה טאַקע וואָס היינו דאהני להו וואָס די גמרא זאָגט.

מ׳זאָל זוכה זיין טאַקע וַה׳ בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל, ס׳זאָל זיין אַ ברכה נצחיות.

מ׳זאָל במהרה געהאָלפן ווערן ברוחניות ובגשמיות.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען טאַקע בשמחת ציון וירושלים מתוך נחת והרחבה בקדושה ובטהרה.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין די ישועה שלימה, בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com